VIII
1942:2248

ס. באסים

# די גליקלעכע סאָוועטישע יוגנט

פארלאג „קאמפ“, ריגע, 1940

וווּנדערלעך שיין איז אונדזער היימלאַנד.

פון וועסטן צאָפּן־פּאָליוס ביז די אומענדלעכע קאַזאַכישע סטעפּעס ציען זיך זיינע ראַכוועסן.

די שענסטע יאַמען, די גרעסטע אָקעאַנען באַשווענקען זיינע ברעגן. הויכע באַרג־קייטן און שנעל־שטראָמענדיקע טייכן שניידן עס דורך אין אַלע זייטן. טויזנטוויאָרסטיקע וועלדער און ראַכוועסדיקע סטעפּעס באַגלייטן זיינע אָנצאָליקע וועגן, וואָס פירן אין אַלע אונדזערע פּרעכטיקע שטעט און דערפער.

רייך איז אונדזער היימלאַנד מיט אַלץ, וואָס די וועלט פאַרמאָגט נאָר. די אָדערן פון זיין ערד־שויס זיינען פול מיט אייזן און מיט קו־פּער, מיט בליי און מיט גאָלד, מיט מאַרמאָר און מיט מאַנגאַן־אַרץ און מיט נאָך און נאָך אוצרעס.

ווייץ און האָבער, גערשטן און קאָרן, רייז און ליין, בוימוואָל און קאָנאָפּליע בליען און וואַקסן אויף זיינע פעלדער. זיינע רייכע קאָלווירטי־שע און ראַטווירטישע גערטנער און סעדער גיבן יאָר־יערלעך אַלערליי מינים פּרוכט און אויבסט. די אַלע רייכטימער, וואָס אויף דער ערד און אין דער ערד, אַלע יאַמען און טייכן, אַלע פאַבריקן און זאַוואָדן, אַלע וועלדער און אייזנבאַנען, אַלע בענק און שאַכטעס, אַלע שולן און הויכ־שולן, מיט איין וואָרט — דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס פון אונדזער גרויס היימלאַנד געהערט דעם סאָוועטישן פאָלק.

אונטער דער געניאַלער אָנפירונג פון לענינען און סטאַלינען האָט דאָס סאָוועטישע פאָלק אויף אייביק דעראָבערט זיין גליק אין די שטורמישע שלאַכטן פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רע־וואָליוציע.

אונטער זייער אָנפירונג האָט דאָס באַפרייטע פאָלק אינגאַנצן גע־ענדערט דעם אויסזען פון אונדזער לאַנד.

פון אַ לאַנד אַן אָרעמס, אַן אָפּגעשטאַנענעס, אַ פינצטערעס איז אונדזער לאַנד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכטיק לאַנד, אין אַן אינ־

דוסטריעל לאנד, אינ א לאנד פונ דורכויסיקער גראמאטנעקייט. דאָרט, ווו ס'האָט פריער געוּווּשט בלויז די ווילדע טייגע, זיינען אויסגעוואקסנ שטעט; דאָרט, ווו פריער האָבנ זיכ געשפרייט בלויז זומפּנ און וויסטע־נישנ, בליען איצט פעלדער אונ סעדער; דאָרט, ווו מע האָט פריער געקאָלופּעט די ערד מיט דער הילצערנער סאָכע אונ מיט דער מאָגע־רער קליאטשע, ארבעטנ איצט צענדליקער טויזנטער טראקטאָרנ, קאָמ־ביינען און אנדערע קאָמפּליצירטע לאנדווירטשאפטלעכע מאשינען; דאָרט, ווו ס'זיינען פריער געשטאנענ האנטווערקערישע ווערקשטאטלעכ אונ ס'איז ניט געווענ אפילע קיינ סימענ פונ אינדוסטריע, זיינען איצט אויסגעבויט פאבריקנ אונ זאוואָדנ, וואָס ארבעטנ אויפ די סאמע קאָמ־פּליצירטע מאשינעס, די סאמע איידעלע אפּאראטנ, די סאמע פארשיידנ־ארטיקע אעראָפּלאנען אונ טאנקנ — אלצ, וואָס ס'איז נייטיק פאר אונ־דזער מעכטיקער אינדוסטריע אונ פאָלקס־ווירטשאפט, אלצ וואָס ס'איז נייטיק אפּ באשיצנ אונדזער היימלאנד.

פונ א לאנד „א טורמע פונ פעלקער”, איז אונדזער לאנד פאר־וואנדלט געוואָרנ אינ א לאנד פונ פרייע אונ גלייכבארעכטיקטע פעל־קער, אינ א גליקלעכ לאנד, וואָס הייסט פארבאנד סאָוועטישע סאָציא־ליסטישע רעפּובליקנ.

זעכצנ סאָוועטישע סאָציאליסטישע רעפּובליקנ גייענ ארייִנ אינ באשטאנד פונעמ ראטנפארבאנד. אינ די זעכצנ פארבאנדישע רעפּובליקנ גייענ ארייִנ אייִנ אונ צוואנציק אווטאָנאָמע רעפּובליקנ, ניינ אווטאָנאָמע געגנטנ, צענדליקער געגנטנ אונ קאנטנ. די 193־מיליאָניקע באפעלקע־רונג פונעמ ראטנפארבאנד באשטייט פונ אנ ערעכ 60 נאציעס, נאציאָ־נאלע גרופּעס אונ פעלקערשאפטנ. אונ אָט די אלע פעלקער זיינענ פרייע אונ גלייכע מיטגלידער פונ אונדזער גרויסנ פרייענ פארבאנד. אפּ אלע געביטנ פונעמ ווירטשאפטלעכנ אונ געזעלשאפטלעכנ לעבנ ווייזט ארויס אייִנ פאָלק דעמ צווייטנ קעגנזייטיקע הילפּ.

די לעניניש־סטאלינישע נאציאָנאלע פּאָליטיק האָט געזיכערט דעמ אופבלי פונ דער נאציאָנאלער קולטור פונ די פעלקער פונ פּססר, א נאציאָנאלע לויט דער פאָרמ, א סאָציאליסטישע לויטנ אינהאלט. פעל־קער, וואָס האָבנ ביז דער רעוואָלוציע אפילע קיינ אייגענע שריפט־

קולטור ניט געהאט, האָבן אין פּארלויף פון געציילטע יאָרן דערגרייכט צו א גרויסער קולטור־אנטוויקלונג, — זיי האָבן אויסגעבויט אייגענע שולן און הויכשולן, האָבן געשאפן צייטונגען, א ליטעראטור, טעאטער; האָבן ברייט אנטוויקלט אלע אנדערע געביטן פון קונסט.

פארבונדן מיט אומצערייסלעכע פעדעמער פון קעגנזייטיקער פריינטשאפט, וואקסן און אנטוויקלען זיך אונטער דער זון פון דער סטאלינישער קאָנסטיטוציע די באפרייטע און גליקלעכע פעלקער פון אונדזער היימלאנד, קרעפטיקט זיך די פילנאציאָנאלע סאָציאליסטישע מעלוכע.

אומדערטרעגלעך שווער האָבן געלעבט די פעלקער פון רוסלאנד ביז דער גרויסער סאָציאליסטישער אָקטיאבער־רעוואָלוציע. די צארישע הענקער האָבן געטאָן אלץ, קעדיי אָנצורייצן איין פאָלק אפן צווייטן און דערמיט אָפּצווענדן די אופמערקזאמקייט פון די ארבעטנדיקע, זיי זאָלן ניט זען זייערע עמעסע אונטערדריקער, וואָס פון זיי האָבן עס די ארבעטנדיקע געהאט אויסצושטיין שרעקלעכע ליידן.

רוסלאנד האָט געקרעכצט אונטערן יאָך פון דעם גוטבאזיצער און קאפּיטאליסט.

צענדליקער מיליאָנען פּויערים האָבן פארמאָגט אזויפיל ערד, וויפיל עטלעכע טויזנט גוטבאזיצער. אפ א רעוואָליוציאָנערער פּראָקלאמא־ציע, וועלכע איז פארשפּרייט געוואָרן צווישן די פּויערים מיט א יאָר דרייסיק צוריק, איז געווען אויסגעמאָלט א פּויער, וואָס איז געשטאנען אפ איין פוס.

— פארוואָס שטייסטו אפ איין פוס? — האָט געפרעגט די פּראָ־קלאמאציע.

— כ'האָב ניט ווו אװעקצושטעלן דעם צווייטן פוס — האָט געענטפערט דער פּויער, — ארום און ארום איז פּריצישע ערד.

פון גאנצפרי ביז שפּעט אין דער נאכט האָבן מיליאָנען פּויערים געבויגן די רוקנס אפ דער פּריצישער ערד און האָבן ביטער גע־קרעכצט אונטער דער שווערער לאסט פון עקספּלואטאציע און צארישן ווילקיר.

א פּויערשע מישפּאָכע פון 5 מענטשן פלעגט ביז דער רעוואָ־

ליוציע אין מעשעכ פון א יאָר פארלעבן 17 רובל אפּ „אייגענע באַ־
דערפעניש" און 17 רובל פלעגט זי צאָלן פארשיידענע שטייערן און
צינזן. ניט בעסער האָט זיך געלעבט אין רוסלאנד דעם ארבעטער,
וואָס האָט געארבעט אלע זיינע יאָרן אפּן בלוטזויגער — דעם פאבריי־
קאנט און קאפּיטאליסט.

א צווייענדיקן דרוק האָבן געליטן די ארבעטנדיקע מאסן פון די
אונטערדריקטע נאציאָנאליטעטן פונעם צארישן רוסלאנד.

בא די דאָזיקע פעלקער האָט מען אוועקגערויבט די סאמע עלע־
מענטארע מענטשלעכע רעכט. באזונדערס רעכטלאָז און גערוידעפט זיי־
נען געווען די יידישע הארעפּאשנע מאסן. א ייד האָט געמעגט וווינען
בלויז אין שטרענג באשטימטע ערטער, — אין דעם שטיקנדיקן טכום,
א יידן איז פארווערט געווען צו ארבעטן אין גרויסע אונטערנעמונגען.
פאר די יידישע קינדער איז געווען איינגעשטעלט א פּראָצענט־נאָרמע
באם אָנקומען אין די שולן און אוניווערסיטעטן.

דערנידעריקונגען, קלעפּ, בלוט־בילבולים, שכיטעס, פּאָגראָמען —
אזא איז געווען דער גורל פון מיליאָנען יידישע ארבעטנדיקע בא דער
צארישער רעגירונג. אזא איז געווען דער גורל, וואָס האָט דערוואַרט
צענדליקער טויזנטער יידישע יוגנטלעכע, וואָס זיינען ערשט אריינגע־
טראָטן אין לעבן.

פרי האָט זיך אָנגעהויבן דאָס זעלבשטענדיקע לעבן פונעם
יוגנטלעכן אינעם געוועזענעם צארישן רוסלאנד.

6–7־יאָריקע קינדער האָבן שוין געארבעט אין דער פּויערשער
באלעבאטישקייט אָדער זיינען געגאנגען זיך פארדינגען צום באלעגוף,
צום פּאָרעץ אָדער אונטערנעמער.

פאר זייער בלוטיקער האָרעוואניע פלעגט מען זיי צאָלן גראָשנס
— און ארבעטן פלעגן זיי צו 12—14 שאָ אין מעסלעס.

דער פּאָרזיצער פון אויבער־ראט פון פּססר מ. אי. קאלינין דער־
ציילט: „א דריטל פון אלע ארבעטער פון צארישן רוסלאנד האָט אָנ־
געהויבן ארבעטן אין די פאבריקן און זאוואָדן יינגער פון צוועלפיאָריקן
עלטער (פון זיי זיינען 10 פּראָצ. אָנגעקומען אין דער פאבריק, ווען
זיי זיינען נאָך קיין 10 יאָר ניט אלט געווען); איין דריטל האָט אָנגע־

הויבן אַרבעטן אין עלטער פון 12—14 יאָר, און בלויז אַ דריטל אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן צו פופצן יאָר".

דער יונגער אַרבעטער איז שטענדיק געווען אַן אָביעקט פון דער סאַמע העסלעכער, סאַמע ווילדער עקספּלואַטאַציע.

די באָלשעוויסטישע צייטונגען פון יענער צייט דערציילן וועגן הונדערטער אומגליקספאַלן, וואָס האָבן פּאַסירט מיט יונגע אַרבעטער. די מאַשינען פלעגט אָפּרייסן הענט, פינגער און פלעגט צעקאַליעטשען דעם יונגן, ניט דערפאַרענעם אַרבעטער אויפן גאַנצן לעבן. די קאַפּיטאַ־ליסטן פלעגן אוועקשטעלן די יוגנטלעכע אַרבעטער אויף די סאַמע גע־פערלעכע אַרבעטן. אַ יוגנטלעכער אַרבעטער פלעגט איינשפּאָרן דעם קאַפּיטאַליסט געלט, — יוגנטלעכע פלעגט מען ווייניקער צאָלן. יאָר־יערלעך פלעגט אין די אונטערנעמונגען שטאַרבן אַ גרויסער פּראָצענט יוגנטלעכע. דעם יונגן אַרבעטער האָט מען געצוווּנגען קאָנקורירן מיטן עלטערן אַרבעטער. ניט זעלטן פלעגט דאַרפן קאָנקורירן אַ טאַטע מיט אַ קינד.

דאָס לעבן פון דעם יוגנטלעכן איז פון זיינע ערשטע טריט אָן געווען אַ שווערע אָפּקומעניש. מיט געווייַן האָבן מאַמעס געבוירן קינדער און מיט געווייַן באַגלייט זייער גאַנצן לעבן, ווייל צאָרעס און אומגליקן האָבן ביזן סאָף לעבן ניט פאַרלאָזט זייערע קינדער.

איינער אַן אַלטער אַרבעטער פונעם לענינגראַדער זאַוואָד „טרעו־גאָלניק" דערציילט:

„איך בין איינמאָל צופעליק געווען אַן איידעס פון אַזאַ פאַל: איינע אַן אַרבעטערן פון דעם קאַלאָשן־אָפּטייל, וואָס האָט געדאַרפט גיין צו קינד, איז געשטאַנען אין קאָנטאָר אויף די קני און האָט מיט געוויין זיך געבעטן, מע זאָל זי אָפּלאָזן אַהיים. אָנשטאָט אַן ענטפער, האָט דער מייסטער זיך אויפגעהויבן פון בענקל און האָט זי אַ שטויס געטאָן מיטן פוס אין בויך אַזוי, אַז זי איז אומגעפאַלן, עטלעכע מינוט איז זי אַזוי אָפּגעלעגן און דערנאָך געבוירן דאָס קינד אין קאָנטאָר".

פול מיט פּיין און דערנידעריקונג איז געווען דאָס לעבן פונעם ייִדישן יוגנטלעכן. פון קליינוווייז אויף האָט ער זיך שווער געמאַטערט בײַם באַלמעלאָכע, געטראָגן פּאָמויניצעס, געניאַנטשעט קינדער און אָנשטאָט

געצאָלט — באקומענ קלעפּ פונעם באלעבאָס און פון דער באלעבאָסטע. די קעפּ פון הונדערטער טויזנטער יידישע יוגנטלעכע זיינען פון די פריסטע יאָרן אָן פארטשאדעט געוואָרן אין די כאדאָרים מיט רעלי־גיעזן פאנאטיזם, מיט אומוויסן און פינצטערקייט.

„לעבעדיק באגראָבענע" — אזוי הייסט א דערציילונג, וווּ ס'ווערט געשילדערט דאָס אומגליקלעכע לעבן פון די יידישע יוגנטלעכע.

די יוגנט איז שטענדיק געווען פול מיט שטרעבונג, מיט דראנג צו ליכט, צו לעבן, צו וויסן, נאָר אונטער דער לאסט פון דעם שווערן לעבן זיינען טויזנטער פארוועלקט געוואָרן, פרי אלט געוואָרן. זייערע שענסטע טרוימען, די צארטסטע געפילן זייערע זיינען אָן ראכמאָ־נעס צעטראָטן און דערשטיקט געוואָרן.

מיט טראַגיזם, מיט גוואלדיקע ליידן זיינען דורכגעדרונגען יענע בלעטלעך אין דער ליטעראטור, וווּ ס'ווערט געשילדערט דאָס לעבן פון דער יוגנט ביז דער רעוואָליוציע. וויפל טאלאנטן זיינען אומגעקומען, וויפל יונגע לעבנס זיינען פארפאלן געגאנגען און האָבן ניט דערטראָגן זייערע ליכטיקע טרוימען ביז אונדזער גליקלעכער צייט.

אָבער די שרעקלעכע עקספּלואטאציע און דער צארישער ווילקיר האָבן ניט דערשטיקט אין דער ארבעטער־יוגנט דעם דראנג צום קאמפּ קעגן דער קאפּיטאליסטישער קנעכטשאפט, פאר א גליקלעכער צוקונפט, פאר א פריי לעבן. דער בעסטער טייל ארבעטער־יוגנט איז אוועק נאָך די באָלשעוויקעס און האָט, אונטער דער אָנפירונג פון דער לענינישער פּארטיי, אויפגעהויבן די זיגרייכע קאמפּס־פאָן פאר דער באפרייונג פון אלע אונטערדריקטע.

ציטירנדיק ענגעלסן, האָט דער גרויסער לענין געשריבן:

„מיר זיינען א פּארטיי פון דער צוקונפט, און די צוקונפט גע־הערט דער יוגנט. מיר זיינען א פּארטיי פון נאָוואטאָרס, און נאָך נאָ־וואטאָרס גייט שטענדיק גערנער די יוגנט. מיר זיינען א פּארטיי פון מעסירעסנעפּעשדיקן קאמפּ קעגן דעם אלטן פוילעכץ, און אפּ מעסי־רעסנעפּעשדיקן קאמפּ וועט שטענדיק די ערשטע גיין די יוגנט"[1]

---

1 לעניג. — ווערק. ב. X ז. 188.

די דאָזיקע ווערטער זיינען מעקויעם געוואָרן. אומעטום און שטענדיק איז די ארבעטער־יוגנט געגאנגען נאָך דער אייזנפעסטער באָל־שעוויסטישער פארטיי. בא דער גרויסער פארטיי פון לענין — סטאלין האָט זיך די יוגנט געלערנט קעמפן קעגן אלע פארשאָלטענע סאָנים פון דער רעוואָליוציע און פונעם ארבעטער־קלאס און באזיגן זיי.

און די גרויסע פארטיי פון לענין—סטאלין האָט טאקע געבראכט דער יוגנט דאָס געגארטע גליקלעכע לעבן און אופגעעפנט פאר איר נייע אומגעהערטע וועגן פאר ארבעט, פאר שאפונג, פאר וויסן, פאר גליק און פאר פרייד.

דער וועג צום נייעם און גליקלעכן לעבן איז געלעגן דורך בלו־טיקן און אָנראכמאָנעסדיקן קאמף, און די ארבעטער־יוגנט האָט זיך מיט איר גאנצן רעוואָליוציאָנערן ברען און ענטוזיאזם אָפגעגעבן דעם גרויסן קאמף פאר דער באפרייונג פון אלע אונטערדריקטע.

ווען עס האָט זיך אין 1917 יאָר אָנגעהויבן דער גרויסער אָק־טיאבער־אופשטאנד אין פעטראָגראד, האָבן זיך פינף טויזנט יוגנטלעכע געשטעלט אין די רייען פון דער רויטער גווארדיע; און אין מאָסקווע זיינען פון יעדע הונדערט רויט־גווארדייער פערציק געווען יונגע אר־בעטער.

אין די שלאכטן פארן זיג פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע איז געבוירן געוואָרן דער קאָמוניסטישער יוגנט־פארבאנד - דער קאָמיוג. פון זיינע ערשטע טריט אָן איז דער קאָמיוג געוואָרן א געטרייער גע־הילף פון דער פארטיי. אפ אלע פראָנטן, אין אלע פייערן פונעם ביר־גערקריג, וואָס האָבן פון אלע זייטן ארומגעכאפט דאָס יונגע סאָוועטנ־לאנד, האָט דער קאָמיוג אוועקגעשיקט זיינע זין און טעכטער.

בעראָש פון דער קעמפערישער יוגנט האָט דער קאָמיוג מיט ביקס אין האנט העלדיש פארטיידיקט די יונגע סאָוועטנרעפובליק סיי פון די אויסלענדישע אינטערווענטן, סיי פון דער אינערלעכער קאָנטר־רעוואָליוציע. די ערשטע צוזאמענפאָרן און קאָנפערענצן פון קאָמיוג האָבן דורכגעפירט א ריי ספעציעלע מאָביליזאציעס אפן פראָנט. העכער א העלפט קאָמיוגיסטן זיינען אוועק אפן פראָנט און האָבן דאָרט העל־דיש געקעמפט. אפן פראָנט פלעגן אוועקגיין גאנצע אָרגאניזאציעס

מיטאמאָל. ניט זעלטן פלעגט מען קענען איבערלייענען אף די טירן פון קאָמיוג-אָרגאניזאציעס אזא מעלדונג: „דער ראיקאָם פון קאָמיוג איז פארמאכט. אלע זיינען אוועק אפן פראָנט".

גיין פארטיידיקן די יונגע סאָוועטן רעפּובליקן איז געווען א זאך פון ערע פאר יעדן קאָמיוגיסט. די מאָביליזיר-פונקטן זיינען טאָגטעגלעך געווען באלאגערט פון קאָמיוגיסטן און פון יוגנטלעכע, וואָס האָבן זיך געבעטן, מע זאָל זיי אלס פרייוויליקע אוועקשיקן אפן פראָנט. עס זיינען געווען פאלן, ווען די פאָדערונג אף מענטשן פלעגט זיין באגרענעצט און באלאָנים צו גיין אפן פראָנט זיינען געווען אסאך. אזוי, אשטייגער, האָט דער סאָקאָלניקער ראיאָן פון דער שטאָט מאָסקווע ביים איינער א מאָביליזאציע געדארפט געבן אפן פראָנט 9 מענטשן, און פארשרי-בע.ע זיינען געווען 270. אין אזעלכע פאלן פלעגן די קאָמיוגיסטן פאָ-דערן, מ'זאָל ווארפן גורל, ווער עס וועט אויספאלן דאָס גליק צו גיין פארטיידיקן די רעוואָליוציע.

צוזאמען מיט דער גאנצער סאָוועטישער יוגנט זיינען אוועק אפן פראָנט טויזנטער יידישע יוגנטלעכע: פון מינסק און פון קיעוו, פון קרעמענטשוק און פון האָמעל, פון אָדעס און פון שעפּעטאָווקע און פון נאָך צענדליקער שטעט און שטעטלעך.

אייביק וועט בלייבן לעבן אין דעם זיקאָרן פונעם פאָלק דער אָנדענק וועגן די קאָמיוגיסטן און קאָמיוגיסטקעס, וואָס זיינען העלדיש געפאלן אין די שלאכטן אף די פראָנטן און אף אונטערערדישער רע-וואָליוציאָנערער ארבעט.

דער העלדישער טויט פון מישא ראטמאנסקי און ליובא אראָ-נאָווע, וואָס זיינען צוזאמען מיט נאָך צענדליקער קיעווער קאָמיוגיסטן אומגעקומען ביים דער טריפּאָלער טראגעדיע, וועט שטענדיק באגייס-טערן מיליאָנען יונגע קעמפער אין די קומענדיקע שלאכטן.

בייסן בירגערגריג פלעגן די קאָמיוגיסטן פירן א גרויסע ארבעט ניט נאָר אפן פראָנט, נאָר אויך אין הינטערלאנד בא די ווייסע. אף דער טעריטאָריע, ווו ס'פלעגן זיך צייטווייליק פארפעסטיקן די ווייסע, פלעגן די קאָמיוגיסטן און קאָמיוגיסטקעס פירן אן אונטערערדישע רע-

וואָליוציאָנערע ארבעט און פלעגן צוגרייטן דעם זיג פון דער רויטער ארמיי.

דעם 19 (6) יאַנוואר 1920 יאָר האָבן די ווייסע אין אָדעס אפ א מערדערישן אויפן געטויט אין טפיסע ניין קאָמיוגיסטן, אָנטיילנעמער פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע. אפן טויט־אורטייל, וואָס דער געריכט האָט זיי ארויסגעטראָגן, האָט אין נאָמען פון די פארורטיילטע געזעגנט זיך די קאָמיוגיסטקע אידע קראַסנאָשטשאָקאָווע:

„...מיר שטאַרבן יונג, מיר שטאַרבן רויק. מיט אונדז און נאָך אונדז וועלן גיין נייע הונדערטער מוטיקע קעמפער!..״

פונקט אזוי העלדיש און מעסירעסנעפעשדיק האָבן זיך געהאַלטן די קאָמיוגיסטן פון קרעמענטשוק, וואָס זיינען אפ אן אכזאָריעסדיקן אויפן געטויט געוואָרן דורך די ווייסע ראָצכים.

די פּאַרטיי און די ראַטן־רעגירונג האָבן הויך אָפּגעשאַצט די העלדישע ארבעט פונעם קאָמיוג אין דער צייט פון בירגערקריג. פאר דער העלדישקייט און מעסירעסנעפעשדיקייט, וואָס דער קאָמיוג האָט ארויסגעוויזן בייסן בירגערקריג, איז ער באַלוינט געוואָרן מיטן שלאַכט־אָרדען פון דער „רויטער פאָן״.

לענין און סטאַלין האָבן געשאַפן דעם קאָמוניסטישן יוגנט־פאַר־באַנד. לענין און סטאַלין זיינען געשטאַנען בא זיין וויגעלע. זיי האָבן אים געכאָוועט און דערצויגן.

ס'האָבן נאָך ניט אָפּגעהילכט די שלאַכטן פון בירגערקריג, און אָט האָט שוין לענין אפן צוזאַמענפאָר פון קאָמיוג פאַנאַנדערגעוויקלט פאר דער יוגנט א גראַנדיעזע פּראָגראַם פון קאַמף פאר דער קאָמוניס־טישער געזעלשאַפט. אפ דעם דריטן צוזאַמענפאָר האָט לענין זיך גע־ווענדט צו דער יוגנט, צו דעם דאָר, וועמען ס'איז באַשערט אויסצובויען די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט, און האָט אים גערופן צו בילדונג, צו וויסן. לענין האָט אָנגעוויזן, אז די פּראָלעטארישע קולטור דאַרף קומען ווי א געזעצמעסיקע אנטוויקלונג פון יענע זאַפּאַסן קענטעניש, וועלכע די מענטשהייט האָט אויסגעאַרבעט, אז א קאָמיוגיסט קאָן מען ווערן בלויז דעמלט, ווען מע באַרייכערט דעם זיקאָרן מיט די אַלע קולטור־רייכטימער, וואָס די מענטשהייט האָט אָנגעזאַמלט. לענין האָט גערופן

די יוגנט, זי זאָל קריטיש באַהערשן די גאַנצע סומע קענטעניש, וואָס ס'האָט אָנגעזאַמלט די מענטשהייט אין משך פון איר עקזיסטענץ. לענין האָט גערופן די יוגנט, אַז זי זאָל פאַרבינדן יעדן שריט פון איר לעבן, פון איר דערציִונג מיטן אומופהערלעכן קאַמף פון די אַר־בעטנדיקע קעגן דער אַלטער עקספּלואַטאַטאָרישער געזעלשאַפט, אַז זי זאָל פאַרבינדן יעדן שריט אירן מיט דער אויסבויונג פון דער נייער קאָמו־ניסטישער געזעלשאַפט. לענין האָט גערופן דעם קאָמיוג צו ווערן אַ שלאַג־בריגאַדע, וואָס זאָל אומעטום אַרויסווייזן הילף, איניציאַטיוו, אומע־טום זיין אין די פאָדערשטע רייען.

דעם דאָזיקן לענינישן גרונט־געבאָט האָט אויסגעפילט און פילט הייליק אויס דער לענינישער קאָמוניסטישער יוגנט־פאַרבאַנד.

ווי נאָר ס'האָט זיך געענדיקט דער בירגערקריג און די פאַרטיי און די רעגירונג האָבן זיך גענומען אופשטעלן די כאַרעוו־געוואָרענע פאָלקסווירטשאַפט, האָט זיך דער קאָמיוג מיט ברען אַ וואָרף געטאָן צו בילדונג. הונדערטער און טויזנטער יוגנטלעכע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין די אַרבעטער־פאַקולטעטן און שולן. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דער דורעסדיקער טרוים פון דער יוגנט, צום ערשטן מאָל איז באַפרידיקט געוואָרן איר דאָרשט נאָך וויסן און נאָך ליכט. דער קאָמיוג האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אַ קאַמף פאַר אופהייבן דעם קולטור־ניוואָ פון דער יוגנט, ער האָט גלייכצייטיק אַנט־וויקלט אַ גרויסע אַרבעט אַפּ אַריינציִען די יוגנט אין דער בויונג פון דער סאָציאַליסטישער פאָלקסווירטשאַפט.

פונקט ווי לענין, איז סטאַלין, דער גרעסטער פריינט פון דער סאָוועטישער יוגנט, פונעם קאָמיוג. „...די יוגנט — האָט געזאָגט כאַווער סטאַלין — דאָס איז אונדזער צוקונפט, אונדזער האָפענונג... זי דאַרף דערטראָגן אונדזער פאָן ביזן זיגרייכן סאָף..." סטאַלין האָט פאַרהאַר־טעוועט דעם קאָמיוג אינעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם, אינעם קאַמף קעגן די סאָנים פון פאָלק. סטאַלין האָט פאַרוואַנדלט דעם קאָמיוג אין אַ מעכטיקער פילמיליאָניקער אַרמיי בויער פון אַ נײַ לעבן, באַגייסטערט אים מיט די אידייען פון קאַמף פאַרן קאָמוניזם, באַהעפט אים אַרום דער גרויסער קאָמוניסטישער פאַרטיי באָלשעוויקעס.

און דער קאָמיוג האָט באַרעכטיקט די גרויסע זאָרג און ליבע פון די גרויסע פירער און באַליבטע לערער לענין און סטאַלין. אומע־טום, אַפּ אַלע פראָנטן, אַפּ אַלע געביטן פון דער בויונג איז דער קאָמ־יוג דער איבערגעגעבנסטער און טרייסטער געהילפּ פון דער פּאַרטיי.

אין די יאָרן פונעם אופשטעלונגס־פּעריאָד און פון דער סאָציאַ־ליסטישער איבערבויונג פון דער פאָלקסווירטשאַפט, אין די יאָרן פונעם ערשטן סטאַלינישן פינפיאָר האָט דער קאָמיוג געהאָלפן דער פּאַרטיי און דער רעגירונג איבערבויען די אַלטע פאַבריקן און זאַוואָדן און בויען נייע.

דער קאָמיוג האָט געהאָלפן די פּאַרטיי לייזן די גרויסע היסטאָ־רישע אופגאַבע פון אריבערפירן די דריבנע אינדיווידועלע פּויערשע ווירטשאַפטן אַפּ די רעלסן פון קאָלעקטיוויזאַציע.

דער קאָמיוג איז געווען דער איניציאַטאָר פונעם סאָציאַליסטישן געוועט, ער האָט אופגעטאָן ווונדער און העראָיזם אַפן פראָנט פון אופ־שטעלן און רעקאָנסרויִרן די פאָלקסווירטשאַפט. די פּאַרטיי און די רע־גירונג האָבן הויך אָפּגעשאַצט די דאָזיקע אַרבעט זיינע און אים באַלוינט מיטן צווייטן אָרדען, מיטן אָרדען פון דער „רויטער אַרבעטס־פאָן“.

די דערפאָלגרייכע פאַרווירקלעכונג פונעם ערשטן פינפיאָר און די גראַנדיעזע פּראָגראַם פונעם צווייטן פינפיאָר האָבן אופגעעפנט קאָלאָסאַ־לע פּערספּעקטיוון פאַר דער סאָוועטישער יוגנט.

דער ריזיקער וווּקס פון אונדזער אינדוסטריע האָט געפאָדערט צענדליקער טויזנטער אינזשעניערן, טעכניקער, קאָנסטרוקטאָרן. די נייע הויכע טעכניק האָט געפאָדערט אַן אַ שיר נייע ספּעציאַליסטן, וואָס זאָלן זי קענען באַהערשן.

דער קאָמיוג האָט אין די נייע באַדינגונגען מאָביליזירט די אופ־מערקזאַמקייט פון דער סאָוועטישער יוגנט אַפּ די פראַגן פון באַהערשן די טעכניק, אַפּ דער אופגאַבע, וואָס כאַווער סטאַלין האָט געשטעלט — דערגאַנצן דעם פּאַטאָס פון בויונג מיט פּאַטאָס פון באַהערשן די טעכ־ניק. אין די הויכשולן און טעכנישע קרייזלעך האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צענדליקער טויזנטער יוגנטלעכע. מיט יוגנטלעכן דראַנג און ברען האָבן זיי זיך אַ וואָרפּ געטאָן צו דער לער, צו באַהערשן די טעכניק פון

אויסארבעטן טראקטאָרן, קאָמבײַנען, טורבינען, אעראָפּלאנען, קאָמפּלי־
צירטע װערקשטעלן, בליומינגען.

דאָס נײַע סאָציאליסטישע דאָרף האָט געפאָדערט צענדליקער
טױזנטער אגראָנאָמען, װעטערינארן, זאָאָטעכניקער, ערדמעסטער. און די
יוגנט האָט זיך א לאָז געטאָן אױך אף אָט דעם געביט.

די קאָלאָסאלע אופגאבן פון דער װײַטערדיקער סאָציאליסטישער
בױונג האָבן אף א נײַעם אופן אױפגעשטעלט די פראגע װעגן דער
אידײיִשער פארהארטעװעטקײַט פון די קאדרען. דער כאװער סטאלין
האָט ניט איין מאָל אָנגעװיזן אף דער לעבנס־װיכטיקײַט, װאָס עס האָט
די אופגאבע צו באהערשן דעם באָלשעװיזם.

אונטער דער אָנפירונג פונעם כאװער סטאלין און בא זײַן די־
רעקטן אָנטײל איז אָנגעשריבן געװאָרן און ס׳איז אין 1938 יאָר דער־
שינען דער קורצער קורס געשיכטע פון דער אלפארבאנדישער קאָמו־
ניסטישער פארטײ (באָלשעװיקעס). אין דעם דאָזיקן בוך איז מיט סטא־
לינישער קלאָרקײַט פאָרמולירט און פאראלגעמײנערט געװאָרן דער רום־
פולער װעג, װאָס עס האָט דורכגעמאכט די באָלשעװיסטישע פארטײ.

די סאָװעטישע יוגנט דערלערנט מיט פלײַס און ענטוזיאזם די
אידײיִשע אוצרעס פונעם מארקסיזם־לעניניזם, די געשיכטע פון דער
באָלשעװיסטישער פארטײ, װאָס באלײַכט איר העל דעם װעג צו דער
ענדגילטיקער אויסבויונג פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאפט.

דער קאָמיוג און נאָך אים די גאנצע סאָװעטישע יוגנט, איז או־
מעטום א שלאָג־בריגאדע. װוּ נאָר עס װערן געשאפן נײַע אינדוסטריעלע
גיגאנטן, װוּ נאָר ס׳װערן געבױט נײַע פאבריקן און זאװאָדן, װוּ נאָר מע
דארף אופטאָן עפּעס נײַס אף יעדן געביט פון קולטור און װיסנשאפט,
מאָביליזירט דער קאָמיוג די יוגנט און טראָגט ארײַן זײַן כײַלעק ענער־
גיע, איניציאטיװ, דערפינדערישקײַט און ארבעט־העלדישקײַט.

אין קוזבאס, אין מאגניטאָגאָרסק, אין דאָנבאס, אין דער פארװאָר־
פענער טײַגע אפן װײַטן מיזרעך, אין די שאכטעס פון מעטראָפּאָליטען,
אף די פּרװו־סטאנציעס, אין די װיסנשאפטלעך־פאָרשערישע אינסטיטוטן
— אומעטום האָט דער קאָמיוג, און צוזאמען מיט אים די גאנצע
יוגנט, באװיזן מוסטערן פון העלדישער ארבעט. מיט די הענט פונעם

קאָמיוג איז אפּן ווייטן מיזרעכ, אינ דער סאמע גערדיכטער טייגע, אויסגע־
בויט געוואָרן די שטאָט פונ דער יוגנט — קאָמסאָמאָלסק. באם נאָענטסטנ
אָנטייל פונעם קאָמיוג, פונ זיינע בעסטע פאָרשטייער, ווערט באהערשט
די ארקטיק, ס'ווערט געביטנ דער אויסזען פונ דער ערד, ס'ווערנ גע־
מאכט אלצ נייע אונ נייע ווערטפולע אויסגראָבונגענ, ס'ווערט באקעמפט
די טריקעניש, ס'ווערט געביטנ די שטרעמונגענ פונ טייכנ, ס'ווערנ
אויסגעטריקנט זומפּנ, ס'ווערנ באוואסערט מידבאָריעס — ס'ווערט געביטנ
די נאטור אונ דער מענטש.

אפ דער באזע פונ באהערשנ די טעכניק, פונעם ווזקס פונעם
קולטורעלנ ניוואָ איז אויסגעוואקסנ בא אונדז אינ לאנד די סטאכנאָווישע
באוועגונג — די נייע העכערע פאָרם פונ סאָציאליסטישנ געוועט. די
איניציאטאָרנ פונ דער באוועגונג זיינענ יונגע ארבעטער - דער יונגער
שאכטיאָר אלעקסיי סטאכאנאָוו, די קאָמיוגיסטקעס די וועבערנס יעוודאָקיע
אונ מאריע ווינאָגראדאָווע, דער קאָמיוגיסט דער מאשיניסט קריוואָנאָס.
זיי אלע האָבנ געשטעלט אומגעזעענע אונ אומגעהערטע וועלט־רעקאָרדנ
פונ ארבעטס־פּראָדוקטיווקייט אינ דער אינדוסטריע אונ אפּנ טראנספּאָרט.
אינ דער לאנדווירטשאפט זיינענ די איניציאטאָרנ פונ דער סטאכאנאָווי־
שער ארבעט געוועזנ די קאָמיוגיסטקעס מאריע דעמטשענקאָ, פאשע אנ־
געלינע, מאריע גנאטענקאָ אונ פאשע קאָווארדאק.

די סטאכאנאָווישע באוועגונג האָט א פלייצ געטאָנ איבערנ לאנד
ווי א מעכטיקע כוואליע, אונ האָט געבראכט מיט זיכ אנ אומגעהערטנ
אופשטייג פונ דער ארבעטס־פּראָדוקטיווקייט. ס'האָבנ זיכ באוויזנ הונדער־
טער נייע ארבעט־העלדנ.

באגלייכ מיט דער גאנצער סאָוועטישער יוגנט, האָט אויכ די
יידישע יוגנט ארויסגערוקט פונ אירע רייענ צענדליקער כאָשעווע מענטשנ,
וואָס זיינענ מיט זייער העלדישער אונ מעסירעסנעפעשדיקער ארבעט
געוואָרנ פאָפּולער אונ באליבט באם גאנצנ סאָוועטישנ פאָלק.

שוינ באם אָנהייב פונעם אופשטעלונג־פּעריאָד האָט די ראטנ־
מאכט אויסגעארבעט א גאנצע ריי מאָסמיטלענ אפ ארייננצוציען די
יידישע שטעטלדיקע יוגנט אינ דער אינדוסטריע.

אפ די נייע בויונגענ—מאגניטאָגאָרסק אאַ., זיינענ איינגעאָרדנט גע־

וואָרן גרויסע גרופּעס יידישע שטעטלדיקע יוגנט, פאַר זיי זיינען געשאַפֿן געוואָרן ספּעציעלע פאַבריק־זאַוואָדישע שולן. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען אין דאָנבאַס און אין אנדערע ערטער.

אַף די סטעפּעס פון אוקראַינע, קיין קרים און ביראָבידזשאַן האָבן, צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס און אין ספּעציעלע יוגנט־קאָמונעס, אריבערגעוואַנדערט טויזנטער יידישע יוגנטלעכע פון די שטעטלעך. דער קאָמיוג, די יוגנט זיינען אויך דאָ געווען אומעטום אין די פאָדערשטע רייען.

עס זיינען דורכגעגאַנגען געציילטע יאָרן, און די יידישע יוגנט איז אריינגעצויגן געוואָרן אין אַלע אינדוסטריע־צווייגן, וווּ אַמאָל האָט א ייד גאָר קיין צוטריט ניט געהאַט. אַפן אייזנבאַן־טראַנספּאָרט, אַפן וואַסער־טראַנספּאָרט, אין לופט־פלאָט, בא די שמעלץ־אויוונס, באַם רודער פון די טראַקטאָרס — אומעטום אַרבעט די יידישע סאָוועטישע יוגנט.

באַם גאַנצן סאָוועטישן פאָלק איז פּאָפּולער און באַליבט דער איניציאַטאָר פון דער סטאַכאַנאָווישער באַוועגונג אַפן וואַסער־טראַנספּאָרט אַוראָם בלידמאַן. עס זיינען ברייט באַוווּסט אין לאַנד די איניציאַטאָרן פון דער סטאַכאַנאָווישער באַוועגונג אין דער שוך־אינדוסטריע הערשל סקאָבלאַ און אַוראָם גאָמולקאָ, דער שיף־קאַפּיטאַן די קאָמיוגיסטקע ראַפּאָפּאָרט, וואָס איז איינע פון די געציילטע פרויען קאַפּיטאַנען.

אויך די יוגנט פון די יידישע קאָלווירטן האָט ארויסגערוקט אירע כאָשעווע לייט, וואָס האָבן פאַר זייער ערלעכער און דערפאָלגרייכער אַרבעט אין דער אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט באַקומען די העכסטע באַלוינונג — אָרדענס. דאָס זיינען די טראַקטאָריסטן קיסלער און כאַזאַנאָוו, דער געוועזענער פאָרזיצער פונעם פאָרגעשריטענעם יידישן קאָלווירט אַף סווערדלאָווס נאָמען, איצט דירעקטאָר פון א מאַשין־טראַקטאָרנער סטאַנציע אין קרים עלי יעהודין. מ'קאָן אָנרופן נאָך א סאַך אַזעלכע כאָשעווע מענטשן.

די פּאַרטיי און די סאָוועטן־רעגירונג האָט הויך אָפּגעשאַצט די אַרבעט פון די קאָמיוגיסטן און פון דער גאַנצער סאָוועטישער יוגנט.

העכער צוואנציק טויזנט יונגע פאַטריאָטן זיינען פאַר זייער ארבעט באַלוינט געוואָרן מיט אָרדנס און מעדאלן פון פססר.

דער פאָרזיצער פון אויבער־ראַט פון פססר מ. אי. קאלינין האָט אין נאָמען פון דער רעגירונג געזאָגט וועגן קאָמיוג:

„די פארטיי, ניט נאָר וואָס זי שעצט דעם קאָמיוג, נאָר זי האָט אים ליב, ווי איר פרעכטיקע צוקונפט, ווי די יוגנט, וועמען ס'איז היסטאָריש פאָרויסבאַשטימט פאָרצוזעצן די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס פונעם באָלשעוויזם אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פארטיי... דער קאָמיוג איז דער ליבלינג פון פאָלק, דער ליבלינג פון דער פארטיי, און די דאָזיקע ליבע איז בוילעט אויסגעדריקט אין כאַווער סטאלינס באַציונג צום קאָמיוג".

אפ דער פאָטערלעכער ליבע פון דער פארטיי צום קאָמיוג ענטפערט דער קאָמיוג, און צוזאַמען מיט אים די גאַנצע סאָוועטישע יוגנט, — מיט גרענעצלאָזער איבערגעגעבנקייט דער פארטיי.

דער קאָמיוג האָט ניט קיין אנדערע צילן אויסער די צילן און שטרעבונגען פון דער פארטיי.

אין די רייען פון קאָמיוג זיינען דערצויגן געוואָרן טויזנטער באָלשעוויקעס, — איבערגעגעבענע סטאלינצעס. בלויז פאַר עטלעכע כאַדאָשים פון 1939 יאָר זיינען אָנגענומען געוואָרן אין די רייען פון דער פארטיי בא 300 טויזנט קאָמיוגיסטן.

דער קאָמיוג איז א שול פון קאָמוניסטישער דערציונג, א שול פון פארשיידנארטיקער מעלוכישער און ווירטשאפטלעכער טעטיקייט. אין די רייען פון קאָמיוג זיינען אויסגעוואַקסן הונדערטער גלענצנדיקע מעלוכישע טוער. צענדליקער קאָמיוגיסטן זיינען אויסגעוויילט געוואָרן פאַר דעפּוטאטן, אין אויבער־ראַט פון פססר, אין די אויבער־ראַטן פון די נאַציאָנאלע רעפּובליקן און אין די אָרטיקע ראַטן.

די סטאלינישע קאָנסטיטוציע גיט יעדן בירגער אין עלטער פון 18 יאָר רעכט צו וויילן און אויסגעוויילט צו ווערן אין די מעלוכעאָרגאַנען. אין די אויבער־ראַטן פססר און אין די אויבער־ראַטן פון די נאַציאָנאלע רעפּובליקן זיינען אויסגעוויילט געוואָרן 920 דעפּוטאטן אין

עלטער פון 18 ביז 30 יאָר. א באדייטנדיקע צאָל יוגנט איז אויך אויס־געוויילט געוואָרן ביים די לעצטע וואלן אין די אָרטיקע ראטן.

דאָס גאנצע סאָוועטישע פאָלק קען גוט די יינגסטע דעפוטאטקע פונעם אויבער־ראט פון פססר קלאוודיע סאכאריאָווע.

קלאוודיע סאכאריאָווע איז אלט אינגאנצן 21 יאָר. ווען זי איז אלט געווען 18 יאָר, איז זי שוין געווען פארטרעטער פונעם דירעק־טאָר פון ראָדניקאָווער טעקסטיל־קאָמבינאט, ווו זי האָט פריער געאר־בעט אלס פאָשעטע ארבעטערן. פאר איר ערלעכער און איבערגעגעבע־נער ארבעט איז קלאוודיע באלוינט געוואָרן מיט א לענין־אָרדן.

פון א באשיידענער וועבערן ביז פארטרעטער פון דירעקטאָר פון איינער פון די גרעסטע טעקסטיל־אונטערנעמונגען אין דער וועלט, ביז א גרויסער מעלוכישער טוערן — אזא איז קלאוודיע סאכאריאָווס וועג. קלאוודיע סאכאריאָווע איז ניט איינע.

דער דעפוטאט פונעם אויבער־ראט פון פססר צאריאָוו איז ערשט צוריק מיט ניין יאָר געווען א פאסטעך אין א וויטן דאָרף פון אָסע־טיע. מיט זיין ערלעכער ארבעט אין קאָלווירט איז ער בארימט גע־וואָרן בא הונדערטער טויזנטער מענטשן פון פאָלק. מע האָט אים אויסגעוויילט פאר א דעפוטאט פונעם אויבער־ראט פון פססר און בא־שטימט אלס פארטרעטער פון פאָלקס־קאָמיסאר פאר ערד־איניאָנים אין דער אָסעטינישער רעפובליק. סאכאריאָוועס וועג, צאריאָווס וועג — דאָס איז דער וועג פון זייער פיל יונגע גליקלעכע בירגער פון פססר. אונ־טער דער זון פון דער סטאלינישער קאָנסטיטוציע וואקסט און צעבליט זיך דער יונגער גליקלעכער סאָוועטישער דאָר.

דער יונגער סאָוועטישער דאָר ווייס ניט פון קיין ארבעטלאָזיקייט, ער האָט קיינמאָל ניט געפילט דעם יאָך פון גוטבאזיצער און קאפי־טאליסט.

פון די ערשטע טעג אָן האָט די סאָוועטנמאכט ארומגערינגלט די יוגנט מיט ליבע און מיט זאָרג. אין איינעם פון אירע דעקרעטן האָט די סאָוועטן־רעגירונג פארווערט נעמען אפ ארבעט קינדער יינגער פון זעכצן יאָר. זי האָט פארקירצט דעם ארבעט־טאָג ביז 6 שאָ, זי

Ex bibl. univ. Tart.

האָט פאַרווערט יוגנטלעכע אַרבעטן באַנאַכט, זי האָט איינגערעגולירט די פּראָדוציר־לער פון דער יוגנט.

די קאָנסטיטוציע פון פססר גאַראַנטירט יעדן בירגער דאָס רעכט אַף אַרבעט.

יעדער יוגנטלעכער, יעדעס מיידל בא אונדז אין לאַנד קאָן זיך אויסוויילן די פּראָפעסיע, וואָס געפעלט זיי. זיי קאָנען זיין טאָקערן אין זאַוואָדן, זיי קאָנען זיין טראַקטאָריסטן אין די קאָלווירטן, זיי קאָנען זיין לערער אין אונדזערע שולן, זיי קאָנען זיין פליער און פאַראַשוטיסטן, זיי קאָנען זיין אינזשעניערן און אַגראָנאָמען, מוזיקאַנטן און בויער, מי־ליטער־לייט און פאָרשער. פון קינדוויז אוף, ווי נאָר דער יונגער בירגער ווערט אַלט 8 יאָר, ווארט שוין אַף אים א געראַומע ליכטיקע שול. דאָ, אין דער סאָוועטישער שול, ווערן דערצויגן קולטורעלע, אַלזייטיק גע־בילדעטע מענטשן, באַוווסטזיניקע בויער פון דער קאָמוניסטישער גע־זעלשאַפט. דער קאָמיוג העלפט דער שול, דער לערערשאַפט אין דער דאָזיקער גרויסער אַרבעט, טיילט אויס די בעסטע פאָרשטייער זיינע אַף אָנצופירן מיט דער פּיאָנערן־אָרגאַניזאַציע.

ענדיקט דער יונגער סאָוועטישער בירגער די שול, און די וועגן אין לעבן זיינען פאַר אים אָפן אומעטום.

פּראָפעסאָרן, דירעקטאָרן פון הויכשולן און מיליטער־אַקאַדעמיעס, אינזשעניערן און פּעדאַגאָגן קומען צו גיין אין די שולן צו די אַרויס־לאָזניקעס (אַביטוריענטן) און דערציילן זיי וועגן פאַרשיידענע פּראָפעסיעס, אַזוי, אַז יעדער יוגנטלעכער קאָן לויט זיינע פעיקייטן און נייגונגען, לויט זיין אייגענעם ווילן אויסקלייבן פאַר זיך אַזא פּראָפעסיע, וועלכע איז אים ליבער און צוטריטלעכער, ווו ער וועט מיט מער נוצן קאָנען אָנווענדן זיין טאַלאַנט, פעיקייטן און ענערגיע.

אַלע פּראָפעסיעס זיינען בא אונדז אין לאַנד גלייך כאָשעווו. אַף וועלכן געביט דער יוגנטלעכער זאָל ניט אַרבעטן, וועט זיין אַרבעט אָפּגעשאַצט ווערן, אויב ער אַרבעט נאָר לעטוויועס דעם היימלאַנד. אונדזער רעגירונג באַלוינט פאַר איבערגעגעבענער, גוטער אַרבעט אי מעלקערנס, אי געלערנטע, אי מיליטער־לייט, אי מוזיקאַנטן.

אין אַלע צווייגן פון דער אינדוסטריע, אַף אַלע געביטן פון לער

און שאפונג ארבעטן האנט=בא=האנט יינגלעך און מיידלעך. עס איז ניטאָ קיין געביט, ווו די סאָוועטישע מיידלעך זאָלן ניט זיין פארטראָטן. טאָקערס און קאפיטאנען, פליערס און אינזשעניערן, געלערנטע און טראַקטאָריסטן אאוו. אין איבער=ראט פון פססר זיינען אויסגעוויילט 189 פרויען, צווישן זיי די יונגע סאָוועטישע פאטריאָטקעס וואלענטינע כעטאגוראָווע, טאטיאנע פיאָדאָראָווע, מאריע דעמטשענקאָ אא.

אונדזער סאָוועטישע יוגנט לעבט א קולטורעל און פארמעגלעך לעבן.

פאר איינער און דער זעלבער ארבעט באקומט דער יוגנטלעכער אן אלציינעם לוין מיטן עלטערן ארבעטער, קאָלווירטניק און אָנגעשטעלטן. סטאכאנאָווישע ארבעט ברענגט סטאכאנאָווישע פארדינסטן.

אפן היסטאָרישן XVIII פארטיי=צוזאמענפאָר האָט דער כאווער סטאלין אָנגעמערקט נייע גראנדיעזע פערספעקטיוון; די אויפגאבע צו פארענדיקן ביזן סאָף די אויסבויונג פונעם סאָציאליזם צום קאָמוניזם איז געשטעלט געוואָרן פאר אונדז אלס פראקטישע גרונט=אויפגאבע פון טאָג.

און ווי שטענדיק, אין משך פון איר גאנצער רומפולער געשיכטע, ווייזט די פארטיי ארויס העכסטן צוטרוי צו דער יוגנט און ציט זי צו נאָך נענטער און אין א ברייטערער מאָס צו דער פילזייטיקער מעלוכישער טעטיקייט און עפנט פאר איר וווּנדערלעכע און באצויבערנדיקע פערספעקטיוון פון דער פרעכטיקער צוקונפט.

די סאָוועטישע יוגנט שטייט ניט אפ איין אָרט, — זי וואקסט אומופהערלעך אפ איר ארבעט. דער נעכטיקער קאָלווירטניק איז מאָרגן א בריגאדיר, דער נעכטיקער ארבעטער איז מאָרגן א מייסטער אָדער א נאטשאלניק פון צעך; און וויל ער זיך לערנען — איז ער אין עטלעכע יאָר ארום אן אגראָנאָם אָדער אן אינזשעניער.

דאָס רעכט אפ בילדונג, וואָס די סטאלינישע קאָנסטיטוציע האָט געגעבן די בירגער פונעם ראטנפארבאנד, שאפט אלע באדינגונגען פאר אנטוויקלען די פעיקייטן פון אונדזער יוגנט. דאָס דאָזיקע רעכט אפ בילדונג ווערט געזיכערט דורך די הונדערטער שולן און הויכשולן, וואָס די ראטנמאכט בויט און וואָס זיינען צוטריטלעך פאר יעדן איינעם, ווער ס'וויל נאָר לערנען.

בא אונדז אין לאנד איז איינגעפירט אָבליגאטאָרישע אלגעמיינע בילדונג. אין די שולן פון ראטנפארבאנד לערנען זיך 35 מיליאָן שי־לער. די ראטנמאכט האָט פאר 22 יאָר פון איר עקסיסטענץ אויסגע־בויט מער הויכשולן, ווי די צארישע רעגירונג פאר 200 יאָר. די צארי־שע רעגירונג האָט פאר 200 יאָר געשאפן 91 הויכשולן, און די ראטנ־מאכט האָט פאר 20 יאָר געשאפן הונדערטער נייע הויכשולן. בלויז אין 1939 יאָר האָבן 99 טויזנט יונגלעך און מיידלעך געענדיקט די סאָווע־טישע הויכשולן און אף די דאָזיקע נייע ספעציאליסטן ווארטן שוין הונדערטער זאוואָדן, שאכטעס, קאָלווירטן.

ווי בלומען האָבן זיך צעבליט די פאָלקס־טאלאנטן פון אונדזער לאנד. פון אונדזערע שולן, פון אונדזערע הויכשולן גייען יאָר־יערלעך ארויס הונדערטער וויסנשאפטלער, וואָס האָבן שוין באוויזן און באווייזן טאָגטעגלעך ווונדער אין דער אינדוסטריע, אין דער וויסנשאפט, אין דער קונסט. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען דעם אקאדעמיקער ליסענקאָ, וואָס האָט ארייַנגעטראָגן אַ איבערקערעניש אין דער אגראָנאָמישער וויסנשאפט, דעם יינגסטן אקאדעמיקער אין ראטנפארבאנד סאָבאָליעוו. דער גאנצער וועלט זיינען באקאנט די יונגע געלערנטע, די העלדן פונעם ראטנפאר־באנד, די פאפאנינצעס שירשאָוו און פיאָדאָראָוו; די גאנצע וועלט האָט גע־הערט וועגן די יונגע מוזיקאנטן — די לאורעאטן פון די צוווישנפעל־קערלעכע קאָנקורסן פון פיאניסטן און פידלער: יאקאָוו פליער, יאקאָוו זאק, דאוויד אויסטראך, מארינע קאָזאָלופאָווא, ראָזע טאמארקינא, בוסי גאָלדשטיין אאַ.

מע קאָן אָנרופן נאָך אַ גאנצע רײַ יונגע טאלאנטפולע פאָרשטייער פון מאָלעריי, סקולפטור, ליטעראטור, טעאטער, וואָס די סאָוועטישע יוגנט האָט ארויסגערוקט פון אירע רייען.

באגלייך מיט אלע בירגער פון ראטנפארבאנד, באקומט די יוגנט אַ געצאָלטן אורלויב און האָט אַ מעגלעכקייט אָפּצורוען זיך אין די פרעכטיקע אָפּרו־הייזער, סאנאטאָריעס און קוראָרטן. דאָס דאָזיקע רעכט אף אָפּרו האָט די סטאלינישע קאָנסטיטוציע געזיכערט אלע בירגער פו־נעם ראטנפארבאנד, דעריין אויך די יוגנט.

די סאָוועטישע יוגנט האָט וווּ צו פארוויילן זיך, וווּ צו פארברענ־

געגן איר פרייע צייט. עס זיינען פאר איר אָפּן הונדערטער טעאַטערן, קלובן, אָפּרו־הייזער, פּארקן פאר קולטור און אָפּרו און. קלובן פאר אָפּרו און פאַרוויילונג זיינען פאַראַן ניט נאָר אין די גרויסע שטעט, נאָר אויך אין די קליינע שטעטלעך, אין די דערפער, אין יעדער פאַבריק און אין יעדן זאַוואָד. אין יעדן קלוב זיינען פאַראַן קאָלעקטיוו קרייזן, וואָס אַנטוויקלען די פאַרשיידענע פייִקייטן פון דער יוגנט און וואָס גיבן אַ מעגלעכקייט קולטורעל אָפּצורוען און צו פאַרברענגען די צייט.

אַלע אוצרות פון דער וועלט־קולטור זיינען אָפּן פאַר דער סאָוועטישער יוגנט, זי געניסט פון די גרעסטע קונסט־ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור און פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. איר מוזיקאַלישער געשמאַק ווערט דערצויגן אויף די גענייאַלע שאַפונגען פון בעטהאָווען, מאָצאַרט, שאָפּען, טשייקאָווסקי, אויף די ווערק פון די סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן שאָסטאַקאָוויטש, פּראָקאָפיעוו, דזערזשינסקי אאַ.

די סאָוועטישע יוגנט גיט אָפּ אַ סאַך אויפמערקזאַמקייט דער פיזישער אַנטוויקלונג. 650 סטאַדיאָנען, 7000 ספּאָרט־פּלעצער, 6000 ליזשעס־סטאַנציעס האָבן צו זייער דינסט די סאָוועטישע ספּאָרטסמענער. אין דער סאָוועטישער פיזקולטור־באַוועגונג נעמען אַן אַקטיווון אָנטייל העכער 12 מיליאָן מענטשן.

די סאָוועטישע רעגירונג גיט אָפּ אַ סאַך אויפמערקזאַמקייט דער פיזקולטור־באַוועגונג.

קעדיי נאָך מער צו אַנטוויקלען די פיזקולטור־באַוועגונג, איז איינגעשטעלט געוואָרן אַן איינהייטלעכער אַלפאַרבאַנדישער פיזקולטור־טאָג. אין דעם דאָזיקן טאָג דעמאָנסטרירט די גאַנצע סאָוועטישע יוגנט פאַרן פאָלק איר קראַפט, איר שיינקייט, איר גראַציעזקייט, איר פלינקייט.

די סאָוועטישע פיזקולטורניקעס האָבן געשטעלט אַ ריי וועלט־רעקאָרדן.

פונקט ווי אַלע בירגער פון אונדזער לאַנד, האָט אָבער די סאָוועטישע יוגנט ניט נאָר רעכט, נאָר אויך פליכטן און די סאָוועטישע יוגנט פאַרגעסט ניט אָן די דאָזיקע הייליקע פליכטן.

זי היט שטרענג אָפּ די פּרינציפּן פון דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע, וואָס האָט געזיכערט אַ גליקלעכן לעבן דעם סאָוועטישן פאָלק.

די סאָוועטישע יוגנט געדענקט, „אז דאָס באשיצן דאָס פאָטער־לאנד איז א הייליקער כויוו פון יעדן בירגער פון פססר" (133 ארטיקל פון דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע).

אַף אלע גרענעצן פון אונדזער ראכוועסדיקן פארבאנד, אַפּ אלע יאמען, וואָס באשווענקען אים, היט אָפּ אונדזער העלדישע רויטע ארמיי, אונדזער רומפולער מיליטערישער יאם־פלאָט די רייכקייט פון סאָוועטישן פאָלק, זיין רו און זיין גליק.

דינען אין די רייען פון דער רויטער ארמיי איז א גליק פאר יעדן יונגן בירגער פון פססר. ווי נאָר דער יוגנטלעכער ענדיקט די צעניאָריקע שול און ווערט אלט אכצן יאָר, גייט ער מיט פרייד אויס־פילן זיין בירגערלעכן כויוו — זיך שטעלן אין די רייען פון דער רום־פולער רויטער ארמיי. דער טאָג, ווען דער יוגנטלעכער ווערט גערופן אין די רייען פון דער רויטער ארמיי, איז בא אים א יאָנטעוו.

ס'באגלייט אים ארום די גאנצע אונטערנעמונג, ווו ער ארבעט, ס'באגלייטן אים ארום אלע אייגענע און נאָענטע.

אריינטרעטנדיק אין דער רויטער ארמיי, גיט יעדער רויט־ארמייער א פייערלעכע שווּע. ער פארפליכטעט זיך זיין דיסציפלינירט, וואכזאם און אויספילן אלע מיליטערישע פליכטן, שטרענג היטן די מיליטערישע און מעלוכישע סוידעס, אָפּהיטן דאָס מיליטעריש פארמעגן, דאָס פאָלקס־אייגנס, און ביזן לעצטן טראָפּן בלוט פארטיידיקן דאָס פאָטערלאנד. אונטער דער דאָזיקער שווּע שרייבט זיך אונטער יעדער רויט־ארמייער, קאָמאנדיר און קאָמיסאר.

איר שווּע פילט אויס די סאָוועטישע יוגנט מיט ערע. אונדזערע רומפולע גרענעצלער באוואכן שטרענג די סאָוועטישע גרענעצן, און ווי איז צו דעם סוינע, וואָס פרווט זיך ארופטרעטן אַפּ דער הייליקער סאָ־וועטישער ערד.

דער לענינישער קאָמיוג האלט שעפטום איבער דעם מיליטערישן יאם־פלאָט און איבער די מיליטערישע לופט־קייכעס. זיינע היסכייוועסן אלס שעפ פילט אויס דער קאָמיוג מיט ערע, שיקנדיק די בעסטע פאָר־

שטייער זיינע צו באוואכן די הייליקע סאָוועטישע יאם־גרענעצן, צו באַ־הערשן די פּליקונסט.

באם פּארטיידיקן די אומצוטריטלעכע סאָוועטישע גרענעצן האָט די סאָוועטישע יוגנט ארויסגעוויזן עמעסן העלדנמוט. אָט איז א ביישפּיל:

אין אווגוסט 1938 יאָר, ביים די געשעענישן בא דער אָזערע כאסאן, איז אן אָטריאד פונעם סוינע באנאכט אָנגעפאלן אפ אונדזערע גרענעצן.

דער קאָמיוגיסט, דער יינגערער פּאָליטרוק סערגיי באמבוראָוו איז איינער אליין ביי געשטאנען א גאנצן אָטריאד. ארומגערינגלט פון אלע זייטן דורכן סוינע, האָט דער העלדישער קאָמיוגיסט געשאָסן אין די סאָנים, ביז ער האָט ארויסגעלאָזן די לעצטע קויל פון זיין קוילנוואר־פער, און דערנאָך האָט ער זיך געוואָרפן אין אטאקע. זיין קוילנוואר־פער האָט ער צעבראָכן אָן די קעפּ פון די סאָנים. מיט דער הילף פון האנט־גראנאטן האָט ער זיך ארויסגעריסן פון דער פיינטלעכער ארומרינגלונג און איינער אליין פארניכטעט א גאנצן אָטריאד פונעם סוינע. פאר זיין העלדנטאט האָט אונדזער רעגירונג באלוינט דעם יונגן פאטריאָט מיטן נאָמען העלד פונעם ראטנפארבאנד.

אזעלכע העלדן האָט אונדזער יוגנט אין די צענדליקער.

אין די אומפארגעסלעכע טעג, ווען אונדזער רויטע ארמיי האָט באפרייט מייריוו־אוקראינע און מייריוו־ווייסרוסלאנד פונעם פּריצישן יאָך, אין די שלאכטן קעגן די וויוספּינען, האָבן אונדזערע יונגע פּאטריאָטן ווידעראמאָל באוויזן אָן א שיר מוסטערן פון העלדנמוט און העראָיזם.

אָט איז איינ ביישפּיל. דער טאנק פון די דריי קאָמיוגיסטן מוקין, יעפימאָוו און לאדאָווסקי האָט געליטן אן אוואריע. דער טאנק איז גע־בליבן שטיין, ארומגערינגלט פון א באנדע צעיושעטע פּוילישע אָפיצערן. די באנדע האָט געפאָדערט, אז די העלדישע טאנקיסטן זאָלן זיך אונ־טערגעבן. און ווען די טאנקיסטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט, האָבן די צע־ווילדעוועטע באנדיטן אונטערגעצונדן דעם טאנק. אפ דער לעצטער פּאָ־דערונג זיך אונטערצוגעבן האָט זיך דורכ רויך און פייער דערהערט דעם קאָמיוגיסט מוקינס שטים: „באָלשעוויקעס גיבן זיך קיינמאָל ניט אונטער".

צווישן די רומפולע העלדן, פארטיידיקער פונעם היימלאנד, זיינען פאראן צענדליקער נעמען פון די בעסטע און הערלעכסטע זין פונעם ייִדישן פאָלק.

ווען זיינען ניט באוווּסט די ליבלינגען פונעם סאָוועטישן פאָלק דער צווייִ מאָל העלד פונעם ראטנפארבאנד קאָמאנדארם פון צווייטן ראנג יאקאָוו סמושקעוויטש, דער כאסאנאָוועץ דער ארדנטרעגער לעל־טשוק און פיל אנדערע? מע קאָן אנרופן צענדליקער, הונדערטער ייִדי־שע יוגנטלעכע ארטילעריסטן, טאנקיסטן, פליער, וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אין די רייען פון דער רויטער ארמיי. ווי בא דער גאנצער סאָוועטישער יוגנט, איז אויך בא דער ייִדישער סאָוועטישער יוגנט ל ב און טייער איר מוטער — דאָס היימלאנד.

אין יעדער שטאָט, אין יעדער שטעטל, אין יעדן קאָלווירט זיי־נען פאראן מיליטערישע קרייזלעך, וווּ דאָס פאָלק דערלערנט די מילי־טערישע קונסט.

און ווען עס וועט נייטיק זיין — וועט דאָס גאנצע סאָוועטישע פאָלק, אלע ווי איינער, ביזן לעצטן טראָפּן בלוט פארטיידיקן זיין היימלאנד.

צוזאמען מיטן גאנצן סאָוועטישן פאָלק פארגעסט ניט די סאָווע־טישע יוגנט אף קיין איין מינוט וועגן דער קאפּיטאליסטישער ארומ־רינגלונג. זי איז וואכזאם און איז גרייט יעדע רעגע אויסצופילן איר הייליקן כויוו פארן לאנד.

אָנגעפירט פונעם ערשטן מארשאל פונעם ראטנפארבאנד קלימענט יעפרעמאָוויטש וואָראָשילאָוו, איז אונדזער רויטע ארמיי די מעכטיקסטע, די קול־טורעלסטע ארמיי אין דער וועלט. אונדזער ארמיי איז די בעסטע שול פאר אונדזער יוגנט דאָס איז א שול, וואָס דערציט בא דער יוגנט די בעסטע אייגנשאפטן, וועלכע זיינען אייגנטימלעך דער גרויסער סטא־לינישער עפּאָכע איבערגעבנקייט דעם היימלאנד, איבערגעבנקייט דער קאָמוניסטישער פארטיי. אונדזער ארמיי דערציט בא דער יוגנט ערלעכ־קייט, העלדישקייט, באשיידנקייט, שטאנדהאפטיקייט.

מיט סטאלינס נאָמען איז אונדזער יוגנט געגאנגען בויען די פינפ־יאָרן, מיט סטאלינס נאָמען איז זי געגאנגען פארטיידיקן דאָס היימלאנד, מיט סטאלינס נאָמען האָט זי אויסגעפילט איר גרויסן ברידערלעכן אינ־טערנאציאָנאלן כויוו פאר די פעלקער פון מיירעוו־אוקראינע, מיירעוו־ווייס־רוסלאנד, באלטישע לענדער, בעסאראביע און צאָפן־בוקאָווינע, האָט געוויזן מוסטערן פון מעסירעסנעפעש און העלדישקייט אין די שלאכטן קעגן די ווייספינען, מיט סטאלינס נאָמען וועט אונדזער יוגנט גיין אין די קינפטיקע שלאכטן פארן זיג פונעם קאָמוניזם אין דער גאנצער וועלט.